YP

# THE FUTURE

# די צוקונפט


געגרינדעט איז 1892

אַרויסגעגעבן פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס
(פאַראייניקט מיט „ציקאָ")


## אינהאַלט:


פּראָפ׳ עזריאל נאַקס: ליטל ראַק — 409

גריגאָרי אַראָנסאָן: אַנטיסעמיטיזם אונטער כרושטשאָוון — 411

ב. רודמאַן: דער וועג צו אַ ווירדיקער עלטער — 414

רחל אויערבאַך: ראָזשינקעס מיט מאַנדלען — 420

א. ש. יוריס: הימל און ערד — און „שולמית" — 424

יעקב פּאַט: אין דער יידישער וועלט — 427

א. אלמי: חלום (ליד) — 429

עליע וווערבלון: דריי קליינע לידער — 429

ל. פיינבערג: א. לוצקי — דער דיכטער פון שטילן דומם — 430

יעקב זיפּער: אַ געסל (דערציילונג) — 431

מינאַ באָרדאָ־ריווקין: פיר ווענט (ליד) — 435

משה קנאַפּהייס: יוליאַן טוואָוים (ליד) — 435

מעינקע קאַץ: לידער — 436

מאיר קוטשינסקי: דער וואָצלאַוועקער משלים־שרייבער און דיכטער פישל־בער ראַוויצקי — 437

ראָזאַ גוטמאַן: צוויי לידער — 438

אָסיף דימאָוו: גדולים פון דער יידישער ליטעראַטור (גאָלדפאַדען, יעקב גאָרדין, שלום־עליכם, אַנ—סקי) — 439

ד״ר א. מוקדוני: האַרטע גבורה און ווייכע שטילע מיסטיק (ז. שניאורס „ממזר" און נסתרס „דערציילונגען און עסייען") — 441

שלמה דמשק: שפּיטאָל־בלעטער — 444

משה שטאַרקמאַן: שמשון דונסקיס „איכה רבה" אויף יידיש — 447

יצחק ליכטענשטיין: אַננאַ וואַלינסקאַ (צו דער אויסשטעלונג פון אירע בילדער אין יידישן מוזיי) — 448

ל. באָראָוויק: בענקשאַפט (ליד) — 449

מלך ראַוויטש: אליעזר קאַלירס זעכצן לידער פון אַ טאַטן, אַן אבל — 450

ש. ד. זינגער: י. ה. ראַדאָשיצקיס ניי בוך לידער — 451

י. זילבערבערג: מנשה אונגערס „די חסידישע וועלט" — 452

נ. ב. מינקאָוו: משה אָדאָנער (אויפן פרישן קבר) — 453



HARVARD COLLEGE LIBRARY
SERIAL DIVISION,
CAMBRIDGE, 38, MASS.



NOVEMBER, 1957 | VOL. LXII, No. 9 | באַנד 62, נומ׳ 9 | נאָוועמבער, 1957

פרייז 60 סענט — אַנדערע לענדער 70 סענט



166

NOV 22 1957

ל. פיינבערג

# א. לוצקי — דער דיכטער פון שטילן דומם

מיטן פלוצעמדיקן, פריצייטיקן טויט פון א. לוצקי האָט די יידישע ליטעראַטור בלי ספק פאַרלוירן איינעם פון אירע אייגנאַרטיקסטע שעפערישע דיכטער, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט אין דער פּאָעטישער שאַפונג פון אונדזער מאַמע־לשון.

עכטער פּאָעטישער אויסדרוק לאָזט זיך בכלל נישט דעפיניר ן. ווען מיר וואָלטן געוואָלט באַצייכענען לוצקיס אָרט אין דער יידישער דיכטונג, וואָלטן מיר געדאַרפט זאָגן, אַז ער איז געווען דער איינציקער ביי אונדז, וואָס האָט געקאָנט אַזוי וואונדערלעך באַלעבן דעם „שטילן דומם" און אַריינבלאָזן אין אים דעם רוח־חיים.

א. לוצקי אַליין איז געווען דער דיכטער פון לעבעדיקן לעבן. פון יעדער שורה זיינער האָט געשפּרודלט די ליבשאַפט צום לעבן און ער אַליין איז געווען אַ לעבעדיקער קוואַל פון שפּרודלדיקן געזאַנג.

אין זיין לעצט ליד, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן אין דער רעדאַקציע פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל" אַ פּאָר טעג פאַר זיין פּלוצעמדיקן, טראַגישן טויט, האָט לוצקי ווי סומירט זיין באַציאונג צום לעבן און צום טויט, ווען ער האָט אַזוי פּאַ־טעטיש אויסגערופן:

„גאָט, דו ביסט מיר אַן עדות:
איך וויל נישט שטאַרבן.
איך האָב פיינט דעם טויט, ווי דעם טויט,
און לעבן האָב איך ליב, ווי דאָס לעבן".

לוצקי האָט זיך באַוויזן אין אונדזער ליטעראַטור אין סאַמע אָנהייב פון דעם גרויסן און ליכטיקן פונאַנדערבלי פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע און אי־בער נאַכט האָט ער געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט סיי פון דער קריטיק, סיי פון דער גרויסער און ברייטער לייענערשאַפט.

צוויי שריפטשטעלער האָבן גורם געווען, אַז לוצקי זאָל ווערן דער וויכטיקער און אָנערקענטער דיכטער. דער ערש־טער איז געווען זיין חבר און מדריך אברהם רייזען און דער צווייטער איז געווען בעל־מחשבות, וואָס האָט פון אייראָפּע סיגנאַליזירט, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור איז געקומען „אַ וואונדערלעכער דיכטער א. לוצקי".

גלייך פון אָנהייב האָט לוצקי איבערראַשט הויפּטזעכלעך דערמיט, וואָס ער האָט געקאָנט איבערצייגן, אַז אַ „פּשוט שטיקל פּאַפּיר באַגייט זעלבסטמאָרד אויף די רעלסן פון אַ טראַמוויי" און אַז „אַ ביימעלע וויל זיך ראַטעווען פון באַרג", אָדער גאָר מיט זיין טעפּל, וואו „אַ פּאַסאָליע וויל אַנטלויפן פון זודיקן טאָפּ", אָדער „אַ ווייסע באָרד וויל אַנטלויפן פון אַן אַלטן יידן אין ווינטיקן דרויסן".

שפּעטער זיינען געקומען זיינע אומפאַרגלייכלעכע „אַ התונה", „די קאַפּעליע" און „ביים רבינס טיש" — לידער־סעריעס, וואָס זיינען נישט נאָר איינציקאַרטיק אין דער יידי־שער פּאָעזיע, נאָר עס וועט זיכער נישט זיין קיין גוזמאָ צו זאָגן, אַז אין דער וועלט־ליטעראַטור זיינען ניט פאַראַן קיין ענלעכע לידער־סימפאָניעס פון אַזאַ אייגנאַרטיקן זשאַנער.

לוצקי האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ ניצוץ פון בעל־שם־טוב, וואָס האָט אַרויסגעשאַלט דעם „עבדו ה' בשמחה".

ווען ער האָט אַזוי פּאַטעטיש דערקלערט, אַז:

„דער מענטש, וואָס פאַרמאָגט נישט — איז הייליק.
אים האָב איך ליב!", —

האָט איר אַרויסגעשפּירט דערפון דעם בעל־שמס אוניווערסאַלע גוטסקייט, וואָס קלינגט, ווי אַ תהילימשער זאָג, און וואָס ציט זיך צוריק ביזן תהילים, ביז די ערלעכסטע פּסוקים פון תנך. און אין קיניגרייך פון לוצקיס פּאָעטישער ירושה זיינען צעוואָרפן די פּערל פון אַ סך אַזעלכע תנכישע פּסוקים.

ווי שוין פריער באַמערקט, עכטער פּאָעטישער אויסדרוק דעפינירט זיך נישט אַזוי לייכט. דעפינירן א. לוצקיס מהות אין אונדזער פּאָעזיע איז נאָך שווערער.

אין וואָס איז באַשטאַנען א. לוצקיס חן, וואָס האָט באַצויבערט אַלעמען?

איז א. לוצקי געווען אַ דיכטער בלויז פון „שטילן דומם", וואָס ער האָט אַזוי וואונדערלעך באַזונגען אין זיינע „וואַסערן" און אין דעם פּאַפּירל, וואָס וויל באַגיין זעלבסטמאָרד?

איז א. לוצקי געווען אַ דיכטער, וואָס האָט אפשר אַליין נישט וויסנדיק דערפון, זיך דערהויבן אין זיינע לידער צום פּאַנטעאיזם?

איז לוצקי געווען דער דיכטער פון דעם „העלפאַנט דעם צדיק", וואָס איז פול מיט רחמים צו דער מוראַשקע אונטער זיינע פיס?

יאָ, אהרן לוצקי איז געווען דער אַלזייטיקער, אייגנאַר־טיקער און אָריגינעלסטער דיכטער אין דער יידישער ליטע־ראַטור, וואָס האָט כולל געווען אין זיך סיי דאָס געזאַנג צום שטילן דומם, סיי דעם פּרימיטיוון אויפשטראַל פון פּאַנ־טעאיזם. בלויז אַזאַ אייגנאַרטיקער דיכטער, ווי לוצקי, האָט זיך געקאָנט דערהייבן אין זיין טעפּל מיט פּאַסאָליעס צו אַ אוניווערסאַלן וועלט־באַנעם.

א. לוצקי איז נישט געווען קיין פאָלקס־דיכטער, ווי עס איז געווען זיין עלטערער חבר אברהם רייזען. לוצקי איז געווען אַ דיכטער־„סאַמאָראָדאָק". אַרויסקומענדיק פון די סאַמע טיפענישן פון אונדזער פאָלק, איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז, אָבער נאָך מער איז ער בפירוש אַרומגעגאַנגען צווישן דעם פאָלק, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט — און דאָס יידישע פאָלק האָט אים צוריקגעצאָלט מיט אומגעהייערער ליבשאַפט און פאַרערונג. א. לוצקי איז געווען דער אמתער שליח־ציבור פון דורות שטומע יידן, וואָס האָבן דורך זיין מויל און דורך זיינע לידער באַקומען אַ תיקון. ער איז געווען דער „פריינד פון פאָלק" און דער „דיכטער פון און פאַרן פאָלק", אין דעם הערלעכסטן זין פון דעם דאָזיקן אויסדרוק.

עס איז אויך וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף אַ באַזונדער אייגנשאַפט אין לוצקיס טראַגישן און וואונדערלעכן לעבן: זיין באַציאונג צו מענטשן בכלל און צו קאָלעגן־שרייבער בפרט. אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אויף די האַרטע, אָפּט אומפריינד־לעכע שטיינער פון איסט־בראָדוויי, איז לוצקי אַרומגעגאַנגען אַ שטענדיק־לוסטיקער און פריידיקער, מיט דעם לייכטן שמייכעלע פון טיפער לעבנס־חכמה אויף זיינע ליפּן. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ טרייסטוואָרט פאַר אַ שרייבער, פאַר אַ לייענער און פאַרן פּשוטן מיט־מענטש, כאָטש יעדער פון אונדז האָט געוואוסט, אַז לוצקיס לעבן איז אַ שווערס און אַ טראַגישס. ער איז געווען אַ נח־לבריות, כאָטש טיף אין

יעקב זיפּער

# אַ געסל

## דערציילונג

ביים מערבדיקן אַרייַנגאַנג צום געסל, דאָרט וואו די בלאָטע איז צום טיפסטן און אַ גריבערדיק, שמאָל ליקל שניידט דורך אַ וועגל צו די געציילטע גוישע הייזקעלעך וואָס קלאַמערן זיך מיט אַלע כוחות אינעם בערגל־אַראָפּ ביז צום וואַסער, איינזאַמט אַ פאַרלאָזענער דער „קלויסטער־גאָרטן". אַ פיר־עקיקער, אָפּגעצוימטער פּלאַץ איז עס, באַזעצט מיט הויכע ליפּע־ביימער, וואָס זייערע געדיכטע צווייגן פלאָנטערן זיך איינס אין אַנדערן און שפּאַרן אַריבער דעם פּאַרקאַן וואָס האַלט אין איינפאַלן.

יעדן פרילינג, ווען די חזירים נעמען זיך ראָיען און וואַלגערן אין די בלאָטיקע גריבער אַרום דעם פּאַרקאַן, טוען זיך די ליפּעס אַ צעלאָז מיט ווייסער בליעכץ און גיבן זיי אַ צעשאָט מיט דער ברייטער האַנט אַריבערן פּאַרקאַן און אין סאַמע געסל אַריין. פון די גריבער נעמען זיך אַרויסשפּאַרן ווייסע חזירים־קעפּ וואָס ניוכען מיט שמוציקע פּיסקעס אַרום זיך. דאָס גאַנצע געסל עפנט דעמאָלט די טירן און פענצטער אַריינצוציען די זיס־שאַרפע ריחות וואָס קומען פון „קלויסטער־גאָרטן". שפּעטער־צו, אין די הייסע זומער־טעג, קלייבט מען די האַלב־פאַרגעלטע בלעטלעך פון די ליפּע־ביימער, וואָס זיינען אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אַ סגולה בדוקה צו קאָפּווייטיק און מאָגן־פאַרשטאָפּונג, מ'זאָל באַהיט ווערן. די גרין־געלבלעכע טרוקענע בלעטלעך פאַרפּאַרעט מען אַ גאַנץ גייענדיקן ווינטער אין הייסע וואַסער, און מ'טרינקט דאָס ביטערלעך־האַרבלעך, שמעקנדיק געטראַנק גלייך ווי דער טשייניק קאָכט אויף. אַן צוקער טרינקט מען עס האַלטנדיק אין איין פאַרקרימען זיך ווי ביי אַן אמתער רפואה. ס'איז זיכערער און אויסגעפּרוּוטער פון אַ רעצעפּט פון דער אַפּטייק און טויזנט מאָל בעסער ווי „צעניץ" (בלעטלעך פון וואָס מ'פלעגט מאַכן אַ געטראַנק קעגן פאַרשטאָפּונג), ביליקער אַוודאי.

עס זיינען אַפילו פאַראַן אַזעלכע וואָס קוקן קרום אויף דעם נוצן אַ רפואה פון אַזאַ אָרט, אָבער צופיל שפּאַרט מען זיך נישט, ווייל אין דער אמתן איז דאָך דאָרט גאָר קיין תיפלה נישטאָ. אין מיטן גאָרטן איז עפּעס יאָ דאָ אַ נשאר פון אַ געביי, אָבער וואָס דאָס איז אין דער אמתן ווייסט מען נישט אויף זיכער. זומער־צייט זעט מען אַפילו נישט אַרויס דעם איינגעבויגענעם פאַרפוילטן צלם וואָס שטייט אין אַ ווינקל לעבן טויער עפּעס ווי אַ שומר, וואָס מ'האָט פאַרגעסן איבערצובייטן. בלויז ווינטער ווען די ביימער זיינען נאַקעט און הויל, בייגט זיך דער צלם אַרויס פון צווישן דעם געפלעכט פון די צווייגן ווי ער וואָלט אַרויסגעוויסט אַ געגנבעטן בליק אויף דער אַרומיקער וועלט. לויפט פאַרביי אַן איילנדיקער ייד און באַמערקט דעם צלם, איז ער אַזוי גיך יוצא מיט אַ שפּיי און אַ „שקץ תשקצנו" און פאַרגעסט גלייך אין אים. ווייל אין דער אמתן איז דער גאַנצער „קלויסטער־גאָרטן" בלויז עפּעס אַ דערמאָנונג פון אַן „אומהייליקייט" אַ פאַרלאָזענער, אויף וואָס עס הויערט נישט מער נישט קיין שרעקנדיקער גרויל און נישט קיין אימה פון דורכגעליטענע נסיונות. ס'איז אַזוי ווי די געסלעך אַרום וואָלטן אים באַצוואונגען, אַרייַנגענומען אין זיך און פאַרשטילט אין איינזאַמקייט, און אַפילו די פּאָר גוישע הייזקעס וואָס רינגלען אים אַרום באַרג־אַראָפּצו ביז צום טייך מיט זייערע פאַרגרויזטע גערטנדלעך און בילנדיקע הינט, קענען אים נישט אַרויסרייסן פון זיין אָפּגעזונדערטער פאַרלאָזנקייט. זיין אָפּגעצוימטקייט שטערט בלויז מיט דעם וואָס מ'קען נישט גיין גלייך פון געסל צום טייך שעפּן וואַסער ווען דער פּלומפּ איז קאַליע, אָדער ווען מ'דאַרף „מים שלנו" אַ טאָג פאַר פּסח. מ'מוז זיך דעמאָלט גנבענען דורך די גוישע גערטנדלעך און אונטערקויפן די שקצימלעך מיט די הינט וואָס פאַרשטעלן דעם וועג. דעמאָלט בייזערט מען זיך אַ ביסל אויפן „קלויסטער־גאָרטן" און מ'דערמאָנט זיך שוין אין איין וועגס, אַז אַמאָל, דערציילט מען, איז דאָרט אַ גאַנצע תיפלה געווען פון אַן אַלט פאַרגעסענער סעקטע, און אַז עס טרעפט זיך אַמאָל ווען אין פרילינג, אין סאַמע מיטן בליען, קומען אַהער אַ פּאָר צענדלינג גויים. עפּעס אַזעלכע אָפּגעחובלטע און פאַרטרויערטע זיינען זיי, ווי זיי וואָלטן געקומען פון עפּעס אַ ווייטער וועלט. מיט ליידיקן קומען זיי אָן בילדער און צלמים. זיי גייען עפּעס נישט נאָר זיי שלייכן זיך זייטיק און געבויגן ווי דער האַלב פאַרפוילטער צלם נישט ווייט פון אַרייַנגאַנג. אויך זייער אָנטאָן איז מאָדנע פרעמד מיט אויסטערליש אַלט־פרענקישע קופּקעס אויף די קעפּ און פאַרגאַרטלט די לענדן מיט ברוינע שטריק־געפלעכטן. אַ ווילע נישטערן זיי אַרום צווישן די ביימער און אָנגעהויפטע שטיינער, שטעלן זיך דערנאָך אַרום דעם צלם ביים אַרייַנגאַנג, פּרעפּלען עפּעס שטיל אויף אויסנווייניק קניענדיק אין דער בלאָטע און שלייכן אַוועק פונקט אַזוי זייטיק ווי זיי זיינען געקומען. קיינער קוקט זיך אויף זיי נישט אום. אויך די פּאָר גוישע הייזקעס מאַכן זיך נישט זעענדיק און קיינער קומט פון דאָרט נישט אַרויס די גאַנצע צייט וואָס יענע דרייען זיך דאָרט אַרום.

מ'ווייסט אין געסל, אַז די גוישע שכנים האָבן עפּעס יאָ אַ שייכות מיט די פרעמדע פאַרשוינען וואָס קומען אַהער אין פרילינג. זייערע זיידעס האָבן, קאָנטיק, אויך געהערט צו דער פאַרגעסענער סעקטע, נאָר די אייניקלעך ווילן פון דעם נישט וויסן מער און שעמען זיך דערמיט. זיי זיינען איצט אמתע קאַטאָליקן און נאָר פּאַר אַזעלכע ווילן זיי מ'זאָל זיי האַלטן. מיידן זיי אויס אַפילו צו רעדן פון יענע און וויכן זיי. זיי וואָלטן שוין לאַנג צענומען דעם פּאַרקאַן און אָפּגעווישט דעם לעצטן זכר פון דעם אַמאָליקן געדעכעניש זייערן, נאָר זיי האָבן מורא

---

זיך האָט ער געטראָגן די טראַגעדיע פון אונדזער אַלעמענס גורל אין אַ פרעמדער, פיינדלעכער וועלט.

קיינער פון אונדז פאַרמאָגט נישט קיין געשריבענע גאַראַנטיע אויף דער אילוזאָרישער „אייביקייט", אָבער עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער נאָמען א. לוצקי וועט בלייבן אין אונדזער געדעכעניש און אין דעם זכרון פון יידישן פאָלק לזכר עולם. אַזוי לאַנג, ווי אונדזער מאַמע־יידיש וועט לעבן אויף די ליפּן פון דעם יידישן פאָלק, וועט דער נאָמען א. לוצקי, וואָס איז געווען איינער פון אירע געטרייסטע און נאָבלסטע ריטער, לעבן און זיין שפּרודלדיקער קוואַל פון הערלעכער און וואָרער פּאָעזיע.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!